# מאמר התחזקות:

א רייכע אוצר פון הלכה און חיזוק אויף "שמירת עינים"
ארויסגעגעבן דורך "הוצאות טהור עינים"





געשריבן לויטן תוכן הספר:
**שמירת עינים כהלכה**
שער א' - הלכה למעשה
שער ב' - אוצרות העינים
שער ג '- סיפורי צדיקים
שער ד' - טהור עינים
באידיש
הספר בהדרו יופיע אי"ה ע"י הוצאות טהור עינים
כל הזכויות שמורות להמערכת



שנה ד' גליון מ"ד | ימי חנוכה תש"פ


גליון מוגדל לקראת ימי חנוכה

כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹוד:

# הֶרְגֵּל נַעֲשֶׂה טֶבַע

## דורך א ריכטיגע רגילות אין שמירת עינים ווערט עס נתהפך אין א טבע שני און די נסיונות ווערן פארשווינדן

רעדנדיג איבער שמירת עינים, זענען דא מענטשן וואס זעען דאס אלס א שטענדיגע, שווערע מלחמה וואס זיי דארפן פירן, כסדר ווען זיי גייען אויף דער גאס מוזן זיי קעמפן און פרובירן מיט אלע כוחות איינצוהאלטן די אויגן. און אפילו זיי פראבירן טאקע צו היטן די אויגן און טוען וואס זיי קענען צו געווינען די מלחמה, שפירן זיי דאס אבער לעול ולמשא, ווי זיי דארפן זיך כסדר שלאגן מיט זייער אינערליכער נטיה יא צו קוקן.

דערנאך זענען דא אזעלכע וואס קלערן גאר אז דער קאמף איז צו שווער פאר זיי. שמירת עינים איז נישט פאר מיר, איך קען מיך נישט שלאגן מיט מיין נייגער וואס וויל אלץ קוקן און אלעס זען. מ'ווייסט טאקע דעם חומר הענין, מ'הערט טאקע ווי היטן די אויגן איז א בפירוש'ער פסוק אין דער תורה און איז מחייב יעדן אָן אויסנאם, אבער מ'זעט זיך ווייט פון עס קענען אויספירן אויף למעשה. און דאס איז גורם אז ס'זאל אריינקריכן א יאוש ווערימל אין הארץ אז מ'קען דאס ממילא נישט מקיים זיין, און אויב אזוי זאל מען זיך ענדערש ארויסלאזן פונעם גאנצן געשעפט ח"ו.

### ס'איז אלעס בלויז די געוואוינהייט

אנטפלעקן אונז אבער די **ספרים הק'** דעם סוד אז ס'איז אינגאנצן נישט אזוי, און דער שליסל דערצו איז איין זאך: הרגל.

דאס וואס א מענטש זעט דאס היטן די אויגן אלס א מורא'דיג שווערע עבודה, דאס איז נאר צוליב זיין געוואוינהייט. פון קליינווייז אן איז מען איינגעוואוינט זיך ארומצוקוקן וואו אימער מ'גייט, און בנוסף צו דעם איז דער מענטש שטענדיג נייגעריג צו זען אלעס און מיטהאלטן יעדע זאך וואס פאסירט, און צו קוקן דויערט בלויז א סעקונדע - אן "אויגנבליק". דאס אלעס איז גורם אז ס'זאל ממש זיין נאטורליך ביים מענטש צו לאזן זיינע אויגן קוקן איבעראל, און עס זאל אים זיין זייער שווער זיי איינצוהאלטן.

אבער ווען א מענטש טוישט זיין הרגל, ער געוואוינט זיך איין אז די אויגן זענען נישט הפקר, ער לאזט זיי נישט וואנדערן פריי, נאר גיבט אכטונג וואו ער קוקט, טוישט זיך דאס בילד ביז א קורצער צייט, ער זעט ווי שמירת עינים איז גארנישט אזא "בארג" ווי ער האט געמיינט און ס'איז אויספירבאר פאר אים. נאכמער, ס'ווערט אפילו ביי אים אויס מלחמה וואו ער דארף קעמפן אן אויפהער, ווייל ס'ווערט איינגעבאקן אין אים אלס א דבר פשוט און א טבע שני אז ער קאנטראלירט זיינע אויגן און ער לאזט זיי נישט זען אלעס וואס ס'לאזט זיך.

ווי דער באקאנטער פתגם פון די קדמונים וואס דער הייליגער **רבי ר' אלימלך זי"ע** ברענגט אין צעטיל קטן:[א] **"ההרגל על כל דבר נעשה שלטון"** - ווען א מענטש געוואוינט זיך איין אין סיי וועלכער זאך, גייט דאס אריין אונטער זיין שליטה, ס'ווערט זיין נאטור.

אזוי שרייבט **הרה"ק הרש"ב מליובאוויטש זצ"ל** אין א קונטרס אויף שמירת עינים (קונטרס העבודה פ"ב): **"והכבדות בזה הוא רק בעת הראשונה שצריך להכביד על עצמו ולהתגבר על טבעו ורצונו, ובמשך הזמן יתרגל בכך"** - די שווערקייט ביים היטן די אויגן איז נאר אין אנפאנג, ווען ער דארף זיך פלאגן און זיך מתגבר זיין אויף זיין אייגענער טבע און רצון, אבער מיט דער צייט געוואוינט מען זיך צו און ס'איז מער נישט אזוי שווער.

### זיינע אויגן קוקן פון זיך אליין אוועק

דער **חובת התלמידים** (פרק יג) ערקלערט דעם געוואלדיגן כח פון הרגל אין זיינע דברי הדרכה ווי אזוי קונה צו זיין שמירת עינים והמחשבה:

**א מענטש קען זיך אויסארבעטן אז ווען ער גייט אויפ'ן גאס זאל ער בכלל נישט**

### זכות הוצאות הגליון

נתנדב ע"י
מוה"ר **נתנאל חיים טורנהיים** הי"ו
לרגל ארוסי בתו למז"ט עב"ג הבה"ח המופלג
בתוי"ש כמר **ברוך בענדיט** ני"ו בן מוה"ר **יואל פייערווערקער** הי"ו
~
השי"ת יעזור בזכות זיכוי הרבים שהזיווג יעלה יפה ויתברכו בכל טוב, בני ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא

## למען תספר

### ווי אזוי שמירת עינים איז געווען ביי ערליכע אידן איינגעווארצלט אלס א טבע שני

~

### ברית כרתי לעיני

יעדער אין ירושלים וואס האט נאר אמאל געזען **הגה"צ רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל** גיין אויף דער גאס, האט באמערקט זיין געוואלדיגע זהירות אין שמירת עינים, ווי ער האט נישט אויפגעהויבן די אויגן ארויסצוקוקן פון זיינע ד' אמות. אפילו ווען מען האט אים געגריסט, האט ער קיינמאל נישט אויפגעהויבן זיינע אויגן.

עס האט פארציילט אן ערליכער תימנ'ער שוסטער וועלכער האט געהאט זיין שוסטעריי אויף דער גאס וואו הגה"צ רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל פלעגט אריבערגיין יעדן טאג, אז במשך צענדליגער יארן וואס ער פלעגט אים יעדן טאג זען אריבערגיין, האט ער אים שטענדיג נאכגעקוקט ווי ער גייט, און **ער האט קיינמאל נישט אויפגעהויבן די אויגן אדער אפילו געקוקט אויף זיין זייט!**

"עס מאכן זיך כסדר פארשידענע זאכן אויף דער גאס", האט דער איד אויסגעדרוקט זיין באגייסטערונג, "בפרט במשך אזא לאנגער צייט. ער האט זיך אבער קיינמאל נישט געקימערט מיט וואס עס פאסירט ארום אים, נאר אלעמאל געגאנגען פארזינקען אין זיינע מחשבות און קוקנדיג אויף אראפ".

**בקודש חזיתיך** בשם ספר "עמודא דנהורא" פ"י עמוד קפו

**המשך אויף זייט ב'**

## למען תספר

# נישט געקענט דעם נאמען פון זיין גאס

**הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זצ"ל** איז באקאנט געווען מיט זיין אויסטערלישער שמירת עינים וועלכע איז געווען ממש עד להפליא. זיין גיין אין גאס איז געווען מיט אן אראפגעבויגענעם קאפ און א געוואלדיגן התפשטות און פרישות פון אלעם ארום.

דאס האבן זיינע ארומיגע קענענגעלערנט ווען מען איז געוואויר געווארן אז רבי משה מרדכי ווייסט נישט דעם נאמען פון דער גאס ווי ער האט געוואוינט שוין פאר אכצן יאר!

**משה איש האלקים** פרק ב'

# וואס איז די פראבלעם אין רחוב יפו?

**הגה"צ רבי זונדל קרויזער זצ"ל**, א פארצייטישער, געהויבענער עובד ה' אין ירושלים, האט פילע יארן געוואוינט אויף אן ארט וואו ס'איז אים כסדר אויסגעקומען צו דארפן אריבערגיין רחוב יפו אין ירושלים, וואס איז א שטארק פריצות'דיגע גאס. פארשטייט זיך אז ווען ר' זונדל איז געגאנגען אין אזעלכע פריצות'דיגע גאסן האט ער געהאט א זעלטענע אפגעהיטנקייט אין שמירת עינים, אכטונג געבנדיג אויף זיינע אויגן ווי אויפ'ן טייערסטן פארמעגן.

אויף די עלטערע יארן איז אמאל פארגעקומען א גניבה ביי אים אין שטוב וואו די גנבים האבן אויסגעליידיגט זיין גאנצע דירה, אים איבערלאזנדיג אן גארנישט. ר' זונדל האט דעמאלטס באשלאסן זיך אוועקצוציען פון דעם געגנט, און ער איז אריבער וואוינען אין דער אנדערער זייט ירושלים וואו ס'האבן געוואוינט זיינע קינדער און אייניקלעך. אין יענער תקופה וואס ער איז געווען אינאיינעם מיט זיין משפחה האבן זיי זוכה געווען זיך אסאך אנצושעפן מבאר תורתו און זיין יראת שמים, און געזען כסדר א זיידן א לעבעדיגן מוסטער פון אן ערליכן איד.

אמאל ווען אן אייניקל איז געווען ביי אים האט ער געפרעגט פונעם זיידן: "ווי אזוי קען זיין אז דער זיידע איז געגאנגען אזויפיל יארן יעדן טאג אויף רחוב יפו?"

"אויף רחוב יפו?" האט אים דער זיידע צוריקגעפרעגט ווי איינער וואס פארשטייט נישט די שאלה, "וואס איז די פראבלעם אין רחוב יפו?"

**די צוריקגעפרעגטע שאלה איז געווען פאר'ן אייניקל מער ווי סיי וועלכן תירוץ. ער האט פארשטאנען אז זיין זיידע האט געלעבט מיט אזא קדושה און זהירות און געווען אזוי איינגעוואוינט נישט צו קוקן אין די גאסן, אז ס'איז מער נישט שווער געווען בכלל, ס'האט לגמרי נישט פארנומען ביי אים קיין מקום וואס ס'גייט פאר ארום אים. אט דאס האט ר' זונדל געוואלט לערנען זיין אייניקל.**

**טיב ההתחזקות**, עינים, דף תקכג

**זען קיין שום דבר אסור. נישט ווייל ער שלאגט זיך כסדר אהער און אהין נישט צו קוקן, נאר פשוט ווייל ער האט זיך אזוי איינגעוואוינט ביז ס'איז אים געווארן א חלק פון זיין נאטור.**

**מען קען דאס פארשטיין געבן מיט א משל. ווען א קליין קינד הייבט אן שלאפן אין א גרויסן בעט, פאסירט אפטמאל אז ער פאלט אראפ אינמיטן שלאף, אבער ווען ער ווערט אביסל עלטער דרייט ער זיך ביים שלאפן פון איין זייט צו דער אנדערער און ער פאלט נישט אראפ. וואס איז די סיבה דערצו? ווייל ער האט זיך אזוי איינגעוואוינט. ער דארף שוין אפילו נישט טראכטן דערפון, פון זיך אליין דרייט ער זיך צוריק אויף דער אנדערער זייט.**

**דאס זעלבע איז מיט אן ערליכן איד וואס געוואוינט זיך איין פון זיינע יונגע יארן צו לעבן מיט שמירת עינים. ס'ווערט איינגעקריצט ביי אים אין מח אז ער קוקט נישט וואו מ'טאר נישט, און דאן ווען ער ווערט עלטער, אפילו ווען ער קומט נאר נאנט צו א ראיה אסורה, קוקן זיינע אויגן פון זיך אליין אוועק, אן דעם וואס ער זאל אפילו אויפכאפן וואס דא האט פאסירט, ווייל ס'ווערט ביי אים ממש א נאטורליכע געוואוינהייט.**

# דינען דעם רבש"ע זייענדיג דא אויף דער וועלט

מיט דעם ברענגט דער **חובת התלמידים** ארויס במתק לשונו ווי מ'דארף נישט אנטלויפן פון דער וועלט כדי צו זיין אן ערליכער איד וואס דינט דעם רבש"ע, "תורה לא בשמים היא", נאר מ'קען זיין דא אויף דער וועלט און דינען דעם אויבערשטן, מ'דארף נאר וויסן **ווי אזוי** זיך צו געפינען דא:

**ס'זענען פארהאן מענטשן וואס זענען זיך טועה און מיינען אז די גאנצע וועלט איז א פלאץ פול מיט תאוות און שלעכטע מחשבות, און ווער ס'וויל דינען דעם רבש"ע דארף זיך דערווייטערן פון דער גאנצער וועלט.**

**דער אמת איז אבער נישט אזוי. דער רבש"ע האט אוועקגעשטעלט דעם ריכטיגן וועג ווי אזוי אים צו דינען אפילו אויף דער וועלט, מיט אלע תאוות און מכשולות וואס נעמען ארום דעם מענטש. דאס מציאות איז אז א מענטש קען זיך אויסארבעטן אז דער ערליכער וועג זאל ווערן ביי אים א טבע שני און זיין אייגענע נאטור.**

די תורה זאגט אונז "כי קרוב אליך הדבר מאוד", יעדער מענטש קען צו דעם צוקומען, יעדער איד קען עררייכן אפגעהיטענע אויגן. מ'דארף נאר דערצו אביסל הרגל, זיך איינגעוואוינען צו איינהאלטן די אויגן ווען מ'גייט ארויס אויף דער גאס נישט צו קוקן איבעראל, און דעמאלטס ווערט עס זיין נאטור.

אמת, ס'מאכן זיך כסדר מצבים ווען ס'איז שווער צו היטן די אויגן און ס'פאדערט זיך א התגברות צו עומד זיין בנסיון, דער יצר הרע אנטלויפט נישט... מיט דעם אלעם, די געווענליכע עבודה איז נישט אזוי "קאמפליצירט", מיט אביסל רגילות קען מען דאס באווייזן!

# אלע נסיונות נאר ווילאנג מ'איז צוגעוואוינט

און נישט נאר דער בלויזער נייגער פון א מענטש ווערט באהערשט דורכ'ן "הרגל נעשה טבע", נאר אפילו ווען ער פלאגט זיך מיט נסיונות און ס'איז אים שווער זיך איינצוהאלטן פון קוקן, קען ער זיך אויך מאכן א טבע שני, עס דורכברעכן און איינגעוואוינען זיינע אויגן נישט צו קוקן, און פון דארט און ווייטער וועט אים שוין זיין גרינג.

דער הייליגער **חינוך** (מצוה שפז) שרייבט אויף דעם מורא'דיגע ווערטער: **"ודע בני ותהי מרגלא בפומך מה שאמרו זכרונם לברכה** (אבות ד', ב') **עבירה גוררת עבירה ומצוה גוררת מצוה,"** מ'דארף שטענדיג געדענקען און חזר'ן וואס חז"ל זאגן אונז אז עבירה גוררת עבירה און מצוה גוררת מצוה, **"שאם תשית דעתך למלאת תאותך הרעה פעם אחת, תמשך אחריה כמה פעמים,"** אויב וועסטו מחליט זיין איינמאל נאכצוגעבן דיין שלעכטע תאוה, וועסטו ווערן נאכגעשלעפט נאך דעם אסאך מאל, **"ואם תזכה להיות גבור בארץ לכבוש יצרך ולעצום עיניך מראות ברע פעם אחת, יקל בעיניך לעשות כן כמה פעמים,"** אבער אויב וועסטו זוכה זיין זיך צו שטארקן אפילו נאר איינמאל אויף דיין יצר הרע און זיך צוריקהאלטן פון קוקן וואו מ'טאר נישט, וועט דיר עס ווערן גרינג צו טון שטענדיג אזוי.

דאס זעלבע שרייבט אויך **הרה"ק רבי אייזיקל קאמארנער זי"ע** אין זיין ספר אוצר החיים (פרשת אחרי, עה"פ לא תקרבו):[ב]

**די אלע ענינים איז שווער פאר א מענטש נאר אין אנהייב, אבער אויב געוואוינט ער זיך איין דערין, וועלן זיינע אויגן פון זיך אליין מער נישט זען קיין שום דבר ערוה און זיין מחשבה וועט זיין דבוק אינעם רבש"ע. ווייל די אלע הבלים און שלעכטע מחשבות קומען נאר צו איינעם וואס לאזט זיין מח טראכטן פון די אלע זאכן, אבער ווער ס'אנטלויפט פון א שלעכטע מחשבה ווי פון פייער און ער איז זיך מקדש אפילו מיט זאכן וואס זענען מותר, דער וועט נישט גלוסטן און זיין הארץ וועט נישט ציען צו די אלע שטותים, לא מיניה ולא מקצתיה.**

א זעלטענעם לשון געפינען מיר אויף דעם אין **מהרי"ל** (מנהגים, הל' עשי"ת אות יט), ווי ער שרייבט:[ג] "ווען א מענטש געוואוינט זיך איין צו שטיין פעסט קעגן דעם יצר הרע, ווערט ער פאר'מיאוס'ט פון די עבירות מער ווי ער האט געגלוסט צו זיי אין אנהייב. און דער יצר הרע זעענדיג אז ער הערט אים נישט צו, לאזט ער זיך אינגאנצן אפ פון אים".

# פון הימל דרייט מען אים איבער זיין נאטור צו א טבע שני

נאכמער פון דעם געפינען מיר, אז ווען א איד ארבעט אויף זיך און ער פרובירט צו באהערשן זיין טבע, דרייט מען אים פון הימל איבער זיין נאטור, און דער נסיון ווערט אים אסאך גרינגער. אזוי ווי **הגה"ק רבי יעקב מליסא זצ"ל, בעל חוות דעת,** שרייבט (בספרו אמת ליעקב, מובא בספר מלחמת קודש פרק י' אות כ'):

**אפילו אויב א מענטש איז געבוירן געווארן מיט א שלעכטער טבע וואס ציט צו שלעכטס און ס'איז אים שווער זיך אפצושיידן פון זיינע תאוות, אויב טוט ער תשובה און ער האלט זיך אפ פון דער עבירה, טוישט דער רבש"ע זיין טבע ס'זאל אים נישט זיין אזוי שווער. און דאס איז פשט וואס חז"ל זאגן (יומא פו.), "גדולה תשובה שמביאה רפואה לעולם", אז דורכדעם וואס א איד טוט תשובה, היילט אים דער רבש"ע זיין טבע ער זאל מער נישט גלוסטן אזוי שטארק צו דער עבירה.**

און אזוי שרייבט שוין **רבינו יונה** (שערי תשובה, שער ד' אות א'), אז די שלעכטע מדות פון א מענטש זענען ווי א חולי פאר זיין נפש, און דורכדעם וואס דער מענטש טוט תשובה היילט השי"ת אויס זיין קרענק, ווי דער פסוק זאגט (ישעיה ו, י), **"ושב ורפא לו"**.

## נישט אזוי שווער ווי עס קוקט אויס

און אפילו דער הרגל אליין, דער ערשטער שטיק צייט ווען מ'געוואוינט זיך איין איינצוהאלטן די אויגן, איז אויך נישט אזוי שווער ווי דער יצר הרע מאכט עס אויסקוקן פאר'ן מענטש. אזוי ווי דער **מסילת ישרים** שרייבט (פרק י"א, סוף פרטי מידת הנקיות):[ד]

**מ'קען נישט אפלייקענען אז כדי א מענטש זאל צוקומען צו זיין אינגאנצן אפגעהיטן פאדערט זיך אביסל אנשטרענגונג, אבער ס'איז נישט אזוי שווער ווי ס'קוקט אויס אויבנאויף; אינעם מחשבה פונעם מענטש איז עס שווערער ווי ס'איז במעשה. ווייל ווען א מענטש מאכט אפ ביי זיך אז ער וויל צוקומען דערצו, וועט אים מיט אביסל הרגל די זאך ווערן אסאך גרינגער פון וויפיל ער קען טראכטן, אזוי ווי יעדער וואס פרובירט דאס קען זיך איבערצייגן.**

***

## אם עתה תקבל עליכם, יערב לכם מכאן ואילך

די אלע ווערטער פון די ספרים הק' זענען פאר אונז א מורא'דיגן התחזקות און הדרכה וויאזוי מיר דארפן אנקוקן די עבודה פון שמירת עינים מיט א ריכטיגן בליק.

איינע פון די גרעסטע תחבולות פונעם יצר הרע אפצוהאלטן דעם מענטש פון שטייגן אין שמירת עינים איז דורכ'ן עס אויפבלאזן פאר אים אלס א שווערערע זאך ווי ס'איז באמת, כאילו לעבן מיט אפגעהיטענע אויגן איז עפעס וואס פאדערט אויסטערלישע כוחות און אן ענדלאזער קאמף א גאנץ לעבן. און דורכדעם איז ער מצליח מייאש צו זיין געוויסע מענטשן פון דער גאנצער זאך, מיט'ן געדאנק אז אויב וועט ער זיך שטארקן אין שמירת עינים וועט ער פשוט נישט קענען אנגיין מיט'ן טאג טעגליכן לעבן, און דעריבער איז אים ענדערש אינגאנצן נישט אנצוהייבן מיט דעם, ס'איז נישט פאר אים.

דער אמת איז אבער נישט אזוי, ס'איז נאר דער אנהייב וואס איז שווער, ווייבאלד דער מענטש איז נישט איינגעוואוינט צו היטן זיינע אויגן. אבער איינמאל ער טוישט זיין הרגל, ווערט עס א חלק פון זיין נאטור, ס'ווערט ביי אים א פשוט'ע זאך אז ער קוקט נישט וואו ס'לאזט זיך, און אויב זעט ער ח"ו עפעס בטעות קוקט ער גלייך אוועק.

און אז מען געוואוינט זיך איין צו לעבן מיט שמירת עינים, מען ברעכט דורך דעם כל התחלות קשות, ווערט דאס דערנאך זיס און איינגענעם, ווי די באקאנטע ווערטער פון רש"י (שמות יט, ה): **"אם עתה תקבלו עליכם, יערב לכם מכאן ואילך, שכל התחלות קשות!"**

דער **פלא יועץ** שרייבט (ערך עמל): "ס'איז אין יעדן מענטש'נס האנט צו באזיגן זיין יצר הרע און מבטל זיין זיין רצון פאר'ן רבש"ע. ס'איז טאקע שווער אין אנהייב, אבער צום סוף ווערט עס זיס און איינגענעם פאר'ן מענטש".[ה]

בחור שא נא עיניך:

# זיך מרגיל זיין מיט שמירת עינים אין די בחור'ישע יארן

ספעציעל איז דער ענין פון **"הרגל נעשה טבע"** גאר וויכטיג פאר בחורים, וואס שטעלן די ערשטע טריט אין זייער לעבנס-וועג און גיסן דעם פונדאמענט וואו ס'וועט שפעטער שטיין זייער גאנצער מהות. אין די עטליכע יאר האבן זיי די געלעגנהייט - און אין דער זעלבער צייט דאס אחריות - צו ריכטן זייערע טריט אויפ'ן גוטן וועג און שטעלן די ריכטיגע יסודות וואס וועט זיי האלטן גוט א גאנץ לעבן.

ווען א בחור געוואוינט זיך איין צו היטן די אויגן, אפילו סתם ביים גיין אין גאס האלטן די אויגן אראפ און כל שכן אויף א נישט ריינעם פלאץ, גייט דאס אים אריין אין די ביינער, ס'ווערט ביי אים איינגעבאקן אויף אייביג, און ווען ער ווערט עלטער איז אים שוין שמירת עינים א פשוט'ע זאך.

פארקערט אבער חלילה, אויב איז מען אין די יונגע יארן נישט נזהר ווי מ'דארף, איז די עבודה שפעטער אסאך שווערער, ווייל דעמאלטס דארף ער שוין מלחמה האלטן מיט זיין נאטור. אזוי ווי דער מדרש זאגט (ילקוט משלי, רמז תתקסא), **"מי שממתק את יצרו בנערותו, סופו להיות מותח עליו בזקנותו"** - ווער ס'ווערט נאכגעשלעפט נאכ'ן יצר הרע אין זיינע יונגע יארן, איז אים שווער פטור צו ווערן פון אים אין זיינע עלטערע יארן. און דאס איז חוץ פון דעם וואס ביני לביני איז מען רח"ל עובר אויף אומצאליגע עבירות און די ראיות אסורות קענען באגלייטן א גאנץ לעבן רח"ל.

און טאקע דערפאר, ווייבאלד דער יצר הרע ווייסט ווי וויכטיג ס'זענען די בחור'ישע יארן צו זיין הייליג און אפגעהיטן, פארלייגט ער גאר שטארקע כוחות אויף בחורים זיי זאלן פאלן ח"ו בעניני קדושה. ער זוכט אונטערצושיקן וואו ער קען מ'זאל זען און הערן אומאויסגעהאלטענע זאכן, און אים אזוי ארום אוועקשלעפן פון שמירת עינים וטהרת המחשבה. ווייל ער ווייסט אז דעמאלטס איז דער יסוד, ווען ער קען זיך משתלט זיין אויף איינעם אין די יארן האט ער יענעם אין זיין נעץ רח"ל.

אזוי ווי מרן **הגה"ק מסאטמאר** זי"ע האט אמאל געזאגט (חידושי תורה תשט"ז פ' בשלח): "**ווען דער יצר הרע זעט אז א בחור קען אויסוואקסן א תלמיד חכם, איז ער זיך מתגבר אויף אים און ער זוכט אים מכשיל צו זיין אין זיינע בחור'ישע יארן, און מיט דעם פארדארבט ער אים נאכדעם אויף זיין גאנץ לעבן!**"

דעריבער דארף א בחור וויסן דאס חשיבות פון די יארן אין וועלכע ער געפינט זיך, אנערקענען דאס געוויכט וואס די יעצטיגע צייט טראגט אויף א גאנץ לעבן, און זיך איינגעוואוינען בנערותו מיט שמירת עינים צו היטן די אויגן שטענדיג, און אזוי ארום וועט דאס ווערן ביי אים איינגעבאקן אז גם כי יזקין לא יסור ממנו, ווען ער וועט זיין עלטער וועט ער זיך שוין נישט דארפן אזוי פלאגן מיט נסיונות, און ער וועט קענען דינען דעם רבש"ע אסאך גרינגער.

### מקורות והוספות

**א.** אות י"ז, וכבר מצינו לשון זה בספר **תקון מדות הנפש** בהקדמה ד"ה ואחרי, ומובא **בשערי תשובה לרבינו יונה** סוף שער השני בשם ספרי המוסרים.

**ב.** זה לשונו **הרה"ק מקאמארנא**: "כל הענינים האלו אינם קשים על האדם אלא בהתחלה, אבל אחר ההרגל, אז עינים שלו מעצמן לא יראו שום דבר ערוה והמחשבה יהיה דבוקה וקשורה בקונו, כי כל אלו הבלים והמחשבות הזמה אינם אלא למי שמניח מחשבתו להרהר בהם, אבל מי שבורח ממחשבה רעה כמו מן אש של גהינום ומקדש עצמו בהיתר, לא יתאוה ולא ישית לבו לאלה הבלים לא מניה ולא מקצתיה, ובהכנעה ובשמחה לקונו יתבטל הכל".

**ג.** זה לשון **המהרי"ל**, אחר שכתב לעורר האדם שיחגור עצמו לעמוד איתן נגד היצר ותחבולותיו: "ואז, מתוך שמרגיל האדם את עצמו לעמוד נגדו, שוב מואס הוא בעבירות יותר מהתאוה להם בראשונה, וגם היצר הרע עוזב ממנו כשרואה שפונה עורף משמוע אליו".

**ד.** זה לשון **המסילת ישרים**: "אינני יכול להכחיש שיש קצת טורח לאדם להגיע אל הנקיות הזה [כפי שהוא קורא לטהרה ופרישות], אף על פי כן אומר, שאין צריך טורח כל כך כמו שנראה לכאורה, והמחשבה בדבר הזה קשה מן המעשה. כי כאשר ישים האדם בלבו ויקבע ברצונו להיות מבעלי המדה הטובה הזאת, הנה במעט הרגל שירגיל עצמו בזה תשוב לו קלה הרבה יותר ממה שהיה יכול לחשוב, וזה דבר שהנסיון יוכיח אמיתו".

**ה.** זה לשון **הפלא יועץ**: "זה ביד כל אדם לכוף את יצרו ולבטל רצונו מפני רצון קונו, ואם ראשיתו מצער, אחריתו יסגא ויערב לו ויבוסם לו". וכ"כ עוד (ערך יצר): "כל הטורח הוא בתחילה, שההתחלות קשות (מכילתא יתרו מס' דבחדש פרשה ב'), עד שירגיל ויכנס בגדר צדיק לאותו דבר, שאז יצר הטוב שטפטו, ולא תאוה נפשו לעשות הרע".

הלכה למעשה

# דיני התרחקות מנשים

## השכיחות בימי חנוכה

### להתרחק מהנשים מאוד מאוד

**א.** עס ווערט גע׳פסק׳נט אין שלחן ערוך אבן העזר: **"צריך אדם להתרחק מהנשים מאוד מאוד"** – א מענטש דארף זיך דערווייטערן פון פרעמדע פרויען גאר, גאר שטארק. די פוסקים מערקן אן אז כאטש וואס געווענליך שטייט נישט אין שלחן ערוך אזא לשון, "מאוד מאוד", דא אבער, ביי התרחקות פון עריות, שרייבט דער מחבר דעם זעלטענעם אויסדרוק, וויבאלד ס׳איז דא אויף דעם זייער שטארקן יצר הרע, דעריבער דארף מען זיך דערווייטערן ביי דעם דאס מערסטע וואס איז שייך. | שלחן ערוך אבה"ע סי' כא ס"א, **בית שמואל** שם סק"א.[א]

### קרובי משפחה

**ב.** אלע הלכות פון התרחקות מנשים גייט אן אפילו ביי די אייגענע קרובים, ווי א שוועגערין, קאזין, אד"ג, וויבאלד על פי הלכה ווערן זיי פאררעכנט ווי פרעמדע נשים. די איינציגע קרובים וואס זענען אנדערש זענען א מאמע, א באבע, א שוועסטער,[ב] א טאכטער, און אן אייניקל. | שלחן ערוך אבה"ע שם ס"ז, **לבוש** אבה"ע שם, **ברכי יוסף** מחזיק ברכה או"ח סי' תר"ג סק"א,[ג] **הגהות היעב"ץ** מגילה לא:[ד]

**ג.** דער **חיי אדם** שרייבט אויפ׳ן ענין פון התרחקות ביי קרובים: "ס׳זענען דא אסאך מענטשן וואס מיינען אז ווי נענטער מ׳איז צו א פרוי, אלץ מער קען מען מקיל זיין אין די הלכות, ס׳איז אבער ח"ו נישט אזוי; אדרבה, ווי נענטער מ׳איז אלץ מער דארף מען זיך דערווייטערן פון איר, און כל שכן אויב איז מען היימיש מיט איר. און ס׳איז א מצוה דאס מפרסם צו זיין פאר׳ן המון עם". | **חכמת אדם** כלל קכה ס"א.[ה]

### שחוק וקלות ראש

**ד.** חכמינו ז"ל האבן גע׳אסר׳ט פארשידענע זאכן אין כלל פון התרחקות מנשים. איינע פון די זאכן וואס ווערן אויסגערעכנט אין שלחן ערוך איז "שחוק וקלות ראש", דאס מיינט אז מ׳טאר נישט ארומלאכן אדער זיך אויפפירן לייכטזיניג אינאיינעם מיט א פרעמדע פרוי. | שלחן ערוך שם.[ו]

דאס קען זיין אקטועל ווען א משפחה קומט זיך צוזאם אינאיינעם, צב"ש ביי א חנוכה מסיבה, טארן זיך נישט די מענער ווערטלען און לאכן אינאיינעם מיט די שוועגערינס. אויך קען דאס נוגע זיין ווען ס׳קומט אויס צו האנדלען אין געשעפט מיט א פרוי, דארף מען אכטונג געבן נישט ארומצולאכן אינאיינעם.

המשך אויף זייט 5

מעשה נורא:

# די שרעקליכע האנט מיט׳ן שווערד

די פאלגנדע פארכטיגע מעשה האט דערציילט **הרה"ק רבי מאטל סלאנימער זצ"ל** אין נאמען פונעם הייליגן **שר שלום מבעלזא זי"ע** וואס האט דאס פארציילט פאר זיין משמש ר' אלימלך, איבער'ן חומר הענין פון נישט זיין אפגעהיטן ווי מ׳דארף און זיך פירן בקדושה:

צום הייליגן **חוזה מלובלין זי"ע** זענען אמאל געקומען צוויי חסידים סוחרים אויף שבת, וואס געפונענדיג זיך אונטערוועגנס צוליב זייערע געשעפטן האבן זיי מחליט געווען ארייַנצופארן קיין לובלין צו זיין ביי זייער רבי'ן אויף שבת.

ווען ס׳איז געקומען מוצאי שבת זענען די צוויי סוחרים אריין צום חוזה זיך געזעגענען, זאגנדיג אז זיי ווילן פארזעצן מיט זייער וועג. האט זיי דער הייליגער לובלינער געזאגט, "חז"ל זאגן דאך ׳לעולם יכנס אדם בכי טוב ויצא בכי טוב׳, מ׳זאל זיך ארויסלאזן אויפ׳ן וועג ווען ס׳איז ליכטיג, פארוואס זאלט איר פארן יעצט, אינמיטן דער נאכט?" די צוויי סוחרים האבן זיך אבער מתנצל געווען אז זיי יאגן זיך שטארק ווייל זיי דארפן אנקומען באצייטנס צו זייערע געשעפטן, און זיי קענען זיך נישט אויפהאלטן אין לובלין. האט זיי דער חוזה אפגעזעגנט, און די צוויי אידן האבן זיך ארויסגעלאזט אויפ׳ן וועג.

פארנדיג אינדרויסן פון שטאט איז זייער וואגן מיטאמאל אראפ פונעם גלייכן וועג, און פלוצלינג האבן זיי זיך געטראפן אינמיטן א געדיכטן וואלד. ס׳איז געווען שטאק פינסטער פון אלע זייטן, און אלע פרואוון צו געפינען דעם וועג ארויס האבן גארנישט געהאלפן, זיי זענען אלץ אריין טיפער און טיפער אינעם וואלד.

מיטאמאל באמערקן זיי פונדערווייטנס א גרויסע הויז פון וואו ס׳שפארט ארויס א ליכטיגקייט. זיי האבן שנעל געריכטעט זייערע טריט אהין, און אנקומענדיג נאנט האבן זיי געזען ווי אינעווייניג פראוועט מען א אידישע חתונה. זיי האבן זיך שטארק געפרייט און אריין אינעווייניג, וואו זיי האבן געזען אנגעגרייט א רייכע סעודה מיט פילע באטייליגטע, און אויפ׳ן אויבנאן זיצט אן אלטער מאן.

זיך ארומקוקנדיג איבער'ן זאל רופט זיך פלוצלינג דער אלטער מאן אן, "נו, פארוואס טאנצט מען נישט?" האבן די מענטשן געענטפערט אז מ׳קען נאכנישט טאנצן, ווייל דער בדחן משה׳לע קאנסקיוואליער איז נאכנישט דא. "אזוי?" האט דער אלטער מאן געזאגט, "ברענגט אים שוין אריין!" די באטייליגטע זענען טאקע געגאנגען און אריינגעברענגט דעם בדחן.

אנקומענדיג אינעווייניג האט זיך דער בדחן אויפגעשטעלט מיט דברי בדחנות, ער האט געזאגט ווערטלעך און משמח געווען דעם גאנצן עולם, און אלע האבן זיך אנגעהויבן טאנצן מיט גאר פרייליכע טענץ.

המשך אויף זייט 5

**א.** בית שמואל: "לפי שנפשו של אדם מחמדתן לכך כתב מאוד מאוד". וכ"כ ביפה לבב ח"ה שם.

**ב.** מלבד חיו"נ שזה אסור גם באחותו, כמבואר בשו"ע שם ס"ז, ודין קול באשה יבואר במקום אחר בס"ד.

**ג.** ברכי יוסף: "כל אשה שהיא אסורה עליו אסור בה ככל הנשים, וחוץ מאחותו ואמו ובתו כולם שוות באיסור".

**ד.** הגהות היעב"ץ: "מה שביטלו אנשי כנסת הגדולה יצרא דעריות במקצת (יומא סט:), לא אהני אלא לקריתביה, דהיינו אמו ואחותו ובתו ודכוותיהו, דמשום קורבה דידיה, ואכתי איכא אשת איש, חמותו וכלתו ואחות אשתו דלא נתבטל היצה"ר".

**ה.** חכמת אדם: "לפי שראיתי ושמעתי מהרבה בני אדם שהם עם הארצים וחושבים שכל הקרוב יותר מותר וכו', כאילו היא אשתו, וחס ושלום, ומצוה לפרסם, דאדרבה כל הקרוב קרוב יותר צריך להתרחק וכו', ולכן צריך האדם ליזהר מאד ומכל שכן מאלו שלבו גס בהן", עכ"ל. ובספר ישראל קדושים, ריש פרק ג' (מהגה"צ רבי ישראל דוד הארפענעס שליט"א) כתב: "אסור להסתכל על אשת אחיו או אחות אשתו או אשת גיסו (שוועגערין), אדרבה באלו חמיר עוד יותר, מאחר שלבו גס בהם, ועוד שהן עריות המפורשות בתורה. על כן נראה שבסעודה משפחתית, כמו שנהוג שמזמינים את בנים הנשואים לסעודת שבת או יו"ט, טוב וישר לסדר שהאנשים ישבו במחצית הראשי של השולחן והנשים במחצית השני מלמטה, ולא לסדר שהאנשים ישבו לצד אחד מן השולחן והנשים מצד השני, שעל ידי כן עלול להכשל בהסתכלות על גיסותיו. וכן אסור להסתכל על דודותיו מחמת נישואין (כגון אשת אחי אביו וכו'). ויש לעיין בדודותיו שלא מחמת נישואין, כגון אחות אביו או אמו, ומסתבר לאיסור, דרק במי שאינו אסור בהם באיסור יחוד הוא דשרי ההסתכלות", עכ"ל.

## הלכה למעשה

המשך פון זייט 4

### שפילן א געים

ה. שפילן א געים גייט אויך אריין אינעם כלל פון "שחוק", דעריבער טאר א מאן נישט שפילן א געים צוזאמען מיט א פרעמדע פרוי. | ערוך השלחן אבה"ע סי' כב אות י"ח.[ז]

דאס קען אויך נוגע זיין אין חנוכה ווען א משפחה קומט זיך צוזאם און מ'וויל שפילן א געים, ווי דריידל[ח] אד"ג, טארן די מענער נישט שפילן אינאיינעם מיט די פרויען אויב ס'געפינען זיך דארט שוואגערס/שוועגערינס אדער קאזינען.

### ווינקען אויף אן אופן פון פריינדשאפט

ו. נאך אז זאך וואס חז"ל האבן גע'אסר'ט איז "קריצה ורמיזה", דאס מיינט אז מ'טאר זיך נישט ווינקען מיט א פרעמדע פרוי אויף א וועג וואס דריקט אוים פריינטשאפט אויף סיי וועלכן אופן,[ט] ווי בלינקען מיט די אויגן, שמייכלען צווישן זיך,[י] צייגן מיט דער האנט, אד"ג. | שלחן ערוך אבה"ע שם.[יא]

א ביישפיל אויף דעם איז ווען איינער דערציילט עפעס אן אינטערעסאנטע זאך, מ'הערט א נייעס, אדער א קינד טוט א חכמה'לע בשעת וואס מ'איז אין דער געגנווארט פון א פרעמדע פרוי, טאר מען נישט שמייכלען צו די פרוי אדער בלינקען מיט די אויגן אד"ג. נאך א זאך וואס איז אין דעם כלל איז פאכען מיט דער האנט (waiven) ווען מ'גייט ארויס, ווי דער שטייגער ביי נאנטע מענטשן.

### יעדע זאך וואס ברענגט צו א הרהור

ז. כאטש וואס אין חז"ל און אין שלחן ערוך ווערן אויסגערעכנט פארשידענע זאכן אלס התרחקות מנשים, שרייבן די פוסקים אז יעדער מענטש ווען ער ווייסט ביי זיך אויף א געוויסער זאך אז דאס קען אים ברענגען צו הרהורים, אדער נאנטקייט, איז ער מחויב זיך צו דערווייטערן דערפון, ווייל מ'קען נישט אויסרעכענען אלעם, דעריבער האבן חכמינו ז"ל אויסגערעכנט א חלק פון די הרחקות וואס מ'דארף מאכן, און אויסער דעם דארף יעדער וויסן ביי זיך וואס ס'ברענגט אים שלעכטע מחשבות און זיך דערווייטערן דערפון. | ספר החינוך מצוה קפח.[יב]

---

ו. שלחן ערוך: "ואסור לשחק עמה להקל ראשו כנגדה". ועיין בספר לבושה של תורה (פאלק, סימן עט אות ג-ד) שדן דהא לכאורה גם בלא נשים אסור שחוק וקלות ראש, כמבואר באבות (פ"ג מי"ג), ומאי שנה כאן. ותירץ דבנשים החמירו יותר שאפילו בסוגי שחוק וקלות ראש שבעלמא מותר, כגון שחוק מיעוט שאינו ממלא פיו שחוק, או קלות ראש מיעוט, כגון ששוכב על הסאפע וכדומה, בכל זה אסור כשהוא בפני הערוה.

ומקור הדין הוא ממשנה דאבות (פ"ג מי"ג) "שחוק וקלות ראש מרגילין לערוה" (כן ציין בהגהות הגר"א), וכתב שם הרבינו יונה: "אבל כובד ראש ויראה הם סייג לעריות".

ז. ערוך השלחן בסיום הלכות יחוד: "לפיכך ראוי לו לאדם לכוף יצרו בדבר זה ולהרגיל עצמו בקדושה יתירה ובמחשבה טהורה ובדעה נכונה כדי להינצל מהן. ויזהר מן היחוד שהוא הגורם הגדול, וכל שכן מהטיול עם הנשים ומלשחוק עמהם בקוביא". וכן מבואר בשיעורי שבט הלוי (יו"ד סי' קצה ס"ב), דלשחוק געי"ם הוא בכלל שחוק וקלות ראש.

ח. דוגמא זו נקט בשיעורי שבט הלוי (שם).

ט. וקריצה ורמיזה שהוא לצורך דבר מסיום ולא בדרך חיבה וקירבה, מצדד בשו"ת באר משה (ח"ד ס"ו אות ו) להיתר, וזה לשונו: "הא דאסור לקרוץ בידיו ורגליו ולרמוז בעיניו היינו אם עושה זה בדרך חיבה, אבל בלאו הכי אם מרמז לה לדבר חול סתם שלא בדרך אהבה, בודאי לא אסרי לכולי עלמא לא מדאורייתא ואפשר גם לא מדרבנן", עכ"ל ועיי"ש עוד. וכבר מצינו כזה בפירוש המשניות להרמב"ם (סנהדרין פרק ז') וז"ל: "והקריצה בעין במתכוין להנאת כל זה אסור וכו'", עכ"ל. הרי שאין האיסור אלא במתכוין להנאה.

אולם בספר אפי זוטרי (אבה"ע סי' כא ס"ק ב') כתב דאסור מכל מקום, וז"ל: "ואסור לקרוץ ביד וכו', ומסתמא דבר זה אינו מחמת הרהור וכיוצא, שאפילו שהוא קורץ לה דבר שצריך ממנה ואינו דבר עבירה, אלא איסורו מפני הרואים, שלא יחשדום ויהרהרו אחריהם".

י. ע"פ ספר ישראל קדושים (פרק בדיני התרחקות מנשים), שגם שמייכלען בכלל קריצה.

יא. שלחן ערוך: "ואסור לקרוץ בידיו או ברגליו ולרמוז בעיניו לאחד מהעריות".

יב. ספר החינוך: "כלל הדבר הוא שלא יעשה שום דבר בעולם המביאו לידי הרהור בנשים, לא במעשה ולא בדיבור ולא שום רמז לקרב דעת האשה הקלה אל דעתו וכו'. ואין באפשר להגיד פרטי הענינים שידע האדם לעשות לקרב אליו דעת האשה שהוא קל, ולכן הזהירו ז"ל מהם קצת, ובשאר יזהר כל אחד ואחד לשמור עצמו לפי מה שימצא את גופו, כי ה' יראה ללבב", עכ"ל.

המשך פון זייט 4

די צוויי סוחרים זענען געשטאנען אין דער זייט און זיך צוגעקוקט צו די טענץ, ווען מיטאמאל זענען זיי אויפגעשוידערט געווארן: די באלקנס אויפ'ן דאך האבן זיך פלוצלינג צועפנט, און ס'איז אראפגעקומען פון אויבן א האנט מיט א שווערד געגליט אין פייער גלייך צו משה'לע קאנסקיוואליער. די האנט האט אריינגשטאכן דעם שווערד אינעם בדחן פון זיינע גערערים ביז צו זיין קאפ רח"ל, אים אויפגעהויבן, און ארויסגעווארפן אינדרויסן פון הויז.

די צוויי אידן זענען געווען אינגאנצן ערשיטערט, נישט באגרייפנדיג וואס ס'שפילט זיך אפ פאר זייערע אויגן. דא רופט זיך דער אלטער מאן אן נאכאמאל, "נו, פארוואס טאנצט מען נישט?" האבן די באטייליגע געענטפערט ווי ביים ערשטן מאל, אז דער בדחן משה'לע קאנסקיוואליער איז נאכנישט דא, און דער אלטער מאן האט ווידער געהייסן אים אריינברענגען.

דער בדחן האט זיך צום צווייטן מאל גענומען זאגן ווערטלעך און פרייליך מאכן די אנוועזנדע, און דער עולם האט זיך ווייטער ארויסגעלאזט מיט פריידיגע טענץ, און אינמיטן די טענץ האט זיך נאכאמאל איבערגע'חזר'ט די שוידערליכע סצענע פון פריער. די שרעקליכע האנט מיט'ן אנגעהיצטן שווערד האט אראפגענידערט פונעם דאך, אריינגעשטאכן אינעם בדחן, און אים ארויסגעשלעפט אינדרויסן.

געענדיגט מיט דעם האט דער אלטער מאן ווייטער געפרעגט פארוואס מ'טאנצט נישט, און די גאנצע פאסירונג האט זיך איבערגעשפילט א דריטן מאל.

די צוויי סוחרים זענען געשטאנען אינגאנצן פארציטערט. זיי האבן פארשטאנען אז ס'איז גארנישט קיין פשוט'ע מעשה וואס זיי זעען דא. האבן זיי זיך אנגעגארטלט מיט שטארקייט און צוגעגאנגען צום בדחן, און אים געפרעגט ווער ער איז און וואס ס'איז דער באדייט פון די שרעקליכע יסורים און בזיונות וואס ער גייט דורך אזויפיל מאל.

האט זיי דער בדחן געענטפערט: "וויסן זאלט איר אז איר געפינט זיך נישט דא צווישן מענטשן, נאר צווישן די חיצונים. דעם שרעקליכן עונש וואס איר האט געזען דא, דאס טוט מען מיט מיר יעדער נאכט, ווייל ווען איך האב געלעבט אויף דער וועלט בין איך געווען א בדחן אויף חתונות, און איך פלעג ארומלאכן מיט פרעמדע פרויען און זיך נישט אפגעהיטן בקדושה.

"יעצט אז איר זענט דא," האט זיי דער בדחן ווייטער געזאגט, "וויל איך אייך בעטן א בקשה: איר זאלט גיין צו ענקער גרויסן רבי'ן, דער הייליגער חוזה פון לובלין, און מיך מזכיר זיין פאר אים ער זאל מתקן זיין מיין פארוואגלטע נשמה."

די חסידים האבן טאקע אזוי געטון, זיי האבן זיך צוריקגעדרייט און געפארן קיין לובלין. אריינקומענדיג צום הייליגן חוזה האט ער זיך אנגערופן: "איך האב דאך ענק געזאגט 'לעולם יצא אדם בכי טוב', נאר אזוי ווי ס'זענען אויפגעשטאנען מענטשן וואס ווילן זאגן אז לית דין ולית דיין, האב איך אייך געשיקט איר זאלט זען אז אית דין ואית דיין!"

**מאמר מרדכי** מערכת הרה"ק מלובלין אות ט

# מכתבים למערכת:

לערנבארע מעשיות און אייגענע ערפארונג איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע ליינער פונעם גליון

## עצה טובה פאר דעזיינער

איך בין א דעזיינער, און איך בין מורא'דיג נתפעל געווארן פון וואס איר האט געברענגט פון דעם איד וואס ניצט נישט אפילו "שאטערסטאק" פאר זיין ארבעט - ירבו כמותו בישראל!

פאר די וואס ניצן יא דאס זייטל, איך האב מיך פארבונדן מיט דער פירמע, און זיי האבן מיר אויסגעלערנט א מהלך ווי אזוי דאס צו ניצן אן דעם וואס ס'זאלן ארויפקומען אומגעווינטשענע בילדער (צו הערן דעם מהלך, קען מען אריינרופן צום מערכת אויף 802-327-3592).

**אליעזר טארים**

## שמירת עינים געלט

איך וויל איבערגעבן א שיינע, באלערנדע מעשה וואס איך האב געהערט פון א מגיד שיעור אין ישיבה קטנה וואס די מעשה האט פאסירט מיט אים זעלבסט.

אין א געוויסער סוף זמן איז א בחור צוגעקומען צו אים זיך באדאנקען און זיך געזעגענען. דערנאך זאגט אים דער בחור אז ער וויל אים געבן א געזעגענונגס מתנה, אים איבערגעבנדיג דערביי א זעקל אנגעפולט מיט קליינגעלט.

צום מגיד שיעור'ס וואונדער וואס ס'איז פשט פון אזא אינטערעסאנטער מתנה, האט דער בחור מסביר געווען, אז איין טאג האט דער מגיד שיעור פארציילט פאר די בחורים א מעשה פון **הגאון רבי אביגדור מיללער זצ"ל**, ווי ער האט אמאל צוגערופן א בחור, און אים געבעטן, אז היות ער נויטיגט זיך וויכטיג אין אסאך ראבער בענדס, צי ער וואלט אים געקענט טון א טובה און זוכן דערפון גייענדיג אין גאס, וויבאלד דער פאסט טראק און אנדערע פירמעס ווארפן אפטמאל אראפ זייערע איבריגע ראבערס אויף דער ערד. דער בחור האט זיך זייער געפרייט ארויסצוהעלפן דעם גאון, און ער האט אים פארשפראכן אז ער וועט אזוי טון.

ווען ער האט שוין געהאט צאמגעקליבן אסאך ראבער בענדס, האט ער דאס געברענגט פאר רבי אביגדור מיללער וועלכער האט זיך שטארק באדאנקט פאר אים, פרעגנדיג דערביי צי ער קען ווייטער ממשיך זיין מיט'ן זאמלען די ראבערס. אזוי האט אים דער בחור כסדר געברענגט נאך ראבער בענדס, און רבי אביגדור בעט אים כסדר ער זאל ווייטער זאמלען פאר אים. ביז דער בחור האט אים אמאל געפרעגט, "צו וואס דארף דער רבי אזויפיל ראבערס?"

האט אים הגה"צ רבי אביגדור געענטפערט: "איך בין אמאל געגענגען צוזאמען מיט דיר אויף דער גאס, און איך האב באמערקט אז דו קוקסט דיך א גאנצע צייט ארום און דו געבסט נישט אכטונג אויף דיינע אויגן. איז מיר איינגעפאלן א וועג ווי אזוי דיך צו מאכן היטן די אויגן, דורכ'ן דיר בעטן אז דו זאלסט זוכן ראבער בענדס אויף דער גאס, אזוי וועלן דיינע אויגן כסדר אראפקוקן זוכנדיג די ראבערס..."

האט דער בחור אויסגעפירט: "הערנדיג די מעשה איז עס מיר זייער געפאלן, און איך האב אפגעמאכט עס נאכצוטון דורכ'ן זוכן קליינגעלט. דא איז דאס זעקל מיט קליינגעלט וואס איך האב צאמגעקליבן במשכ'ן זמן - א מתנה פאר'ן מגיד שיעור!"

(-)

## די אויגן פון יצחק און די אויגן פון עשו

אין די יעצטיגע סדרות געפינען מיר אן אינטערעסאנטן חילוק צווישן יצחק און עשו: ביי יצחק ווען ער איז געגאנגען אין פעלד, ווען ער האט געוואוסט אז זיין כלה דארף אנקומען, שטייט **"וישא עיניו וירא והנה גמלים באים"** - ער האט געזען בלויז קעמלען. עשו, ווען יעקב איז קעגנגעקומען מיט גאנצע סטאדעס בהמות, שטייט אין פסוק **"וישא את עיניו וירא את הנשים"...** זיינע אויגן זענען געפאלן אויף דעם...

אויך האב איך געזען ברענגען פונעם **אמרי אמת זצ"ל** (ליקוטי יהודה פ' חיי שרה) א טייער ווארט, ער האט געזאגט אויפן פסוק וירא והנה גמלים באים **"היינו לרמז על דרך שאיתא בגמרא (ברכות כ.) דמיין באפאי כי קאקאי חיורי"**, דאס מיינט אז יצחק ווען ער האט געזען רבקה קומען איז דאס אים געווען פונקט אזוי ווי ער זעט די קעמלען, אן קיין שום התפעלות, כאטש מען האט אים דא געברענגט זיין כלה נאך אזא לאנגע נסיעה!

(-)

# דער פחד פון א פארצייטישן חסיד

**לכבוד מערכת הגליון אודות שמירת עינים.**

איך וויל דא ארויסברענגען מיין פריוואטע הכרת הטוב אויף דעם גליון. זייענדיג א מלמד אין כתה ט' פאר בר מצוה בחורים'לעך, נעם איך דעם גליון מיט מיר אין חדר פארצולערנען פאר מיינע תלמידים, ס'זאל זיין א תועלת להציל נפשם מרדת שחת.

איך וויל דא צוגעבן וואס איך האב געזען אין ספר **ראשי בשמים** (מהגה"ק ר' ישעי' מושקאט, מתלמידי הרה"ק ר' יצחק מראדוויל והמגיד מקאזשניץ זצוקללה"ה, בליקוטים על אגדות הש"ס), ווי ער שרייבט בזה הלשון: **"אמרו עליו על מלאך המות שהוא מלא עינים. וקשה, למה דוקא מלא עינים. ויתכן לומר על דרך שאמרו ז"ל, העין רואה והלב חומד והוא בעבירה. וזהו העין, עין נואף, עושה למלאך המות את העין, ובעבור רבוי מבטיו בעינו נעשה מלאך המות מלא עינים. וזהו שאנו מתפללים בלילי שבת, וישיזבננא מעינא בישא ומחרבא דמלאך המות, כי כשלא יהי' לנו עינא בישא, לא ישלוט בנו חרבו דמלאך המות שהוא בא מעינא בישא, והבן"**. עכ"ל.

~

אויך וויל איך דערציילן א מורא'דיגע סיפור וואס איך האב געהערט ערשטהאנטיג פון **הרה"ג ר' יודא אליעזר יונגער שליט"א** פון מאנסי, אז מיט יארן צוריק ווען דער באקאנטער סלאנימער חסיד **הרה"ח ר' מענדל וועג ז"ל** האט נאך געלעבט, האט אים **הרה"ג ר' משה ברוך ווייס שליט"א** געזאגט אז ס'לוינט זיך צו גיין קוקן א דאווענען פון רבי מענדל אין טבריה. ווי באקאנט האט ער אראפגעלייגט א דאווענען מיט התלהבות און השתפכות הנפש אויף גאר א גרויסן פארנעם, און ס'איז געווען וואס צו זען. איז ער טאקע אהין געגאנגען זיך איינזען אין זיין גהויבענע עבודה. פארציילט ר' יודא אליעזר, אז נאכ'ן דאווענען האט ר' מענדל מיט גרויס תמימות אויסגעקוועטשט זיין טלית פון שווייס און טרערן, און דערנאך איז ער אים נאכגעגאנגען אין גאס. האט ער געהערט ווי ער שרייט צו זיך אליין: "דו רשע, היט דיך די אויגן!" ס'זאל אים אפילו נישט אין באטראכט קומען צו אויפהייבן די אויגן!

~

איך וויל אויך מוסיף זיין וואס ס'שטייט אין **תרגום יונתן** אין פרשת מטות אויפ'ן פסוק **"ונקרב את קרבן ה' וגו' לכפר על נפשותינו לפני ה'"**: "מיר זענען אריין אין די פאלאצן פון די מדינים, און מיר האבן אראפגענומען די צירונג פון זייערע טעכטער'ס קעפ, די אויערינגלעך פון זייערע אויערן, די קייטלעך פון זייערע העלדזער, די ארעמבענדער פון זייערע ארעמס, די רינגלעך פון זייערע פינגערס, און חס וחלילה האבן מיר נישט אויפגעהויבן די אויגן און געקוקט אויף קיינער פון זיי, כדי נישט צו זינדיגן מיט זיי, אז מיר זאלן נישט שטארבן אויף יענער וועלט אזוי ווי די רשעים. דער אויבערשטער זאל אונז גערענקען דעם זכות ביים יום הדין הגדול, און ס'זאל זיין א כפרה אויף אונז פאר השי"ת".

**יישר כח, זעירא דמן חבריא, מלמד כיתה ט' במאנסי**


הוצאות
## טהור עינים
מטרתו: לזכות את הרבים בעניני שמירת עינים

פאר נדבות, הערות, רופט:
**802.327.3592**
*נשמח לשמוע הערות

צו מפרסם זיין א מעשה רופט:
**845.206.9879**
אדער שיקט אויף פאסט צום מערכת:
1 Karlsburg Rd. #203 Monroe Ny 10950

**א דין קדומה וועט געגעבן ווערן פאר די וואס געבן איבער א סיפור מיט א נאמען**

**כל הזכויות שמורות**
הרשות נתונה לצלם הגליון כמות שהוא על מנת לזכות הרבים, אבל אסור להעתיק ממנה קטעים בלי רשות המערכת

מיר זוכן עסקנים צו פארשפרייטן דעם גליון אין ישובות

אויב ווילט איר פארשפרייטן דעם גליון אין אייער ביהמ"ד אד"ג ביטע פארבינדט אייך מיטן מערכת

די מערכת זוכט א טיכטיגע יונגערמאן צו אנפירן מיט די פעולות פונעם גליון פאר מער פרטים רופט די מערכת

## על הטוב יזכר

מוה"ר **כל הנדבנים החשובים** הי"ו
שנדבו רוחם לתרום סכום הגון מידי חודש בחדשו
**ובס"ה תרמו זכות 6,000 גליונות**
השי"ת יעזור שהזכות של זיכוי הרבים יעמוד לכל העוזרים במלאכת הקודש שיתברכו בכל טוב, בני ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא
~
מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
**שתרם זכות 3,000 גליונות**
לע"נ הרה"ק רבי **ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר** זי"ע - ולע"נ הרה"ק רבי **חיים זאנוויל ב"ר משה מרובניץ** זי"ע
~
מוה"ר **שלמה בוים** הי"ו
**שתרם זכות 1,800 גליונות**
לרגל נשואי בתו למז"ט
~
אלו שתרמו זכות
**1,000 גליונות**
~
הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל ענינים**
~
מוה"ר **שלום דוב דאכנער** הי"ו
לע"נ **מרן הגה"ק רבינו יואל בן הגה"ק רבי חנני' יו"ט** זי"ע
~
מוה"ר **הרוצה בעילום שם** הי"ו
לע"נ **הרה"ק אברהם יצחק ב"ר אהרן דוד מתולדות אהרן זצ"ל**
~
לזכות הגה"צ ר' **יוסף מרדכי בן מרים** שליט"א

**קויפט א זכות אין העכער 50,000 גליונות אויף שמירת עינים**
וואס ווערט צעשפרייט ביי כלל ישראל דורך "הוצאות טהור עינים"
**זכות הוצאות הגליון:** $1,200 ~ **זכות הפצת הגליון:** $1,200 ~ **זכות 5,000 גליונות:** $500
**זכות 4,000 גליונות:** $400 ~ **זכות 3,000 גליונות:** $300 ~ **זכות 2,000 גליונות:** $200 ~ **זכות 1,000 גליונות:** $100